# הכזונה יעשה את אחותינו?!

אז א אידישע טאכטער פון מאנסי והגלילות טוהט זיך אן און איז זיך מתקשט כרגיל און נארמאל כדי צו גיין צו א חתונה, מיט וועמען וועט זי אבער דארפן פארן אנצוקומען אהין? שטארק מעגליך מיט א נידעריגע עלעמענט. אונזערע חסידי'שע פרויען פון מאנסי זעהט מען איבעראל אויף מעין סטריט אדער גיין איינקויפן אדער שטייען זיי און ווארטן "אויפ'ן קאר סערוויס". אונזערע ליטווישע שוועסטערס זעהט מען אבער נישט צופיהל אויפ'ן גאס – עס פעהלט זיי נישט אויס צו דארפן ווארטן דערויף, ווייל זיי דרייוון. אונז האבן אבער נישט קיין ברירה, נאר מיר מוזן שיקן אונזערע ווייבער און טעכטער מיט "קאר סערוויסעס". וואס איז מיט דעם "כל כבודה בת מלך פנימה"?

און נאך מער. די פראבלעם פון דעם אז אונזערע פרויען דארפן כסדר ווארטן אויף, און זיך באנוצען מיט, קאר סערוויסעס, איז נישט ווי די פראבלעם פון א סמארטפוין וואס "קען" צוברענגען צו גילוי עריות – דאס איז גילוי עריות ממש!

ווי מ'האט זיך איבערצייגט מיט א לעצטיגע מעשה, וואו א גוי'אישע דרייווער האט ליידער באגוואלדיגט א אידישע פרוי, און מעשיות וואו זיי האבן געוויזען פארנאגרעפי פאר מיידלעך, זענען אסאך פון די דרייווערס נידעריגע עלעמענטן וועלכע האבן נישט מורא פאר תפיסה. און אין זייערע הענט געבן אונז איבער אונזערע טייערסטע?! פארוואס?!

אה, מכח עפעס אן אויפגעבאקענע איסור אז זיי טארן נישט דרייוון! איז דאס דען הארבער ווי חשש גילוי עריות ונזק בפועל ממש?! פרעגטס ביי די היימישע מוסדות. אויב דרייווד די ווייב, דארפן זיי זוכן ערגעץ אנדערש וואו זייער קינד זאל נתחנך ווערן. "אז דו ווילסט דיין קינד זאל נתחנך ווערן ביי אונז, זיי ביטע מפקיר דיין ווייב און טאכטער פאר זנות. אמער, אונז זע'מיר דאך פרום און עס איז דאך ענדערשער אז זיי זאלן נבעל ווערן, ווי איידער, חלילה וחלילה דרייוון." עשרת הדברות בי דעמד.

ומה פריה? עס פאסירט שוין עפעס וואס מ'קען נישט אינגאנצן פארשווייגן, רעדט מען נאר ברמיזה דערוועגן און מ'טוהט די צוויי זאכן וואס אונז חרדים זענען גאר פראפעשאנעל אין און טויגן גאר גוט אויף: מ'שטופט דאס אונטער די טעפיך און מ'בויט דעם שפיטאל נעבן דעם צעבראכענעם בריק. אנשטאטס איינזעהן אז עס איז מן הצורך אז פרויען זאלן דרייוון, זענען די חכמי כעלעם אויפגעקומען מיט'ן וואזשנעם איינפאל אז מ'זאל נאר נוצן היימישע קאר סערוויסעס! "ס'הייסט? כידוע האבן דאך אידן נישט קיין יצרא דעריות און די איסורי עריות וואס שטייט אין די תורה איז נאר געזאגט געווארן פאר גוים!"

פרעגט זיך נאך ביי די וואס ווייסן, וויפיל פראבלעמען קומען פאר אפילו ביי און מיט "היימישע" קאר סערוויסעס. דער דרייווער קומט און נעמט איר יעדן טאג צו די ארבעט, קען איר אדרעס, ווייסט איר נאמען, און האט אפילו איר נאמבער. ברבות הימים איז לא ימלט אז עס זאל זיך נישט אנטוויקלען שמועסן. צום ערשט איבער קלייניקייטן, אבער דערנאך איבער פריוואטע זאכן, און עס איז לא ימלט אז עס זאל זיך אנטוויקלען א קשר. אבער, ניין! בשום אופן זאל זי נישט דרייוון, נאר ענדערש זיין אויסגעשטעלט צו מעגליכע פיתוי אדער אפילו צי נאך ערגערס.

רבותי! אידישע טעכטער זענען נאנס געווארן! נישט איינמאל און נישט צוויי מאל! אויב דאס וועקט אונז נישט אויף אז מ'זאל איינזעהן אז זיי זענען אין א רוחניות'דיגע און גשמיות'דיגע סכנה, דאן וואס יא?! אונז געבן מיר אויס אן א שיעור צייט, כח, און געלט אויפצוציהען אונזערע טעכטער על דרכי צניעות. און דער מדרש טייטשט אויף "וישמרך" ביי ברכת כהנים, אז דאס גייט ארויף אויף דעם אז בנות ישראל צריכות שמירה. אבער בו בעת ווערן מיר געצווינגען זיי אריינצולייגן אין א רוחניות'דיגע און גשמיות'דיגע סכנה אלס דעם אז "פרויען טארן נישט דרייוון." דאס איז נישט א הלכה און דאס איז נישט קיין מנהג עלטער ווי 50 יאר. והא ראיה, אז הונדערטער נשים צדקניות פון גאר פרומע חרדי'שע קרייזן טוהן יא דרייוון. וממילא זענען זיי נישט אויסגעשטעלט צו די מכשולות. אבער טראץ דעם אלעם טוהן אונזערע מוסדות, וואס אונז און זיי זענען מחנך אונזערע טעכטער, אונז צווינגען זיי אויסצושטעלן דערצו. פארוואס?

*שרייבט א פארווייטאגטער איינוואוינער פון מאנסי – א טאטע פון אידישע טעכטער*